


חשוב'ע רבנים, אַפּיסערס און בעלי בתים פון שוהלען;

## פאַרוואָס שווייגט איר, היט זיך פון טרפות!

לעצטען דאָנעשטאָג, דעם 23טען פעברואר, איז ביי אַ ספּעציעלען מיטינג פון אגודת הרבנים אין 132 Nassau St. ווידער אַמאָל איינשטימיג באַשטעטיגט געוואָרען דורך רבנים עדות, וועלכע האָבען באזוכט די פעקטאָרי, אַז **דזשעלאָ** ווערט געמאַכט פון חזיר און באַסקין פון יוהז סטריט שוהל גיט נאָך אַלץ זיין הכשר.

אידען פון וויליאמסבורג און פון אַלע טיילען פון גרייטער ניו יאָרק

## ווי לאַנג נאָך וועלען מיר שווייגען?

דער הכשר אויף **דזשעלאָ** מוז גלייך צוריקגעצויגען ווערען!

מיר מוזען אַלע שטורמען און פּראָטעסטירען געגען אזא נבלה און חוצפה בישראל.

**ועד לחזוק הדת**